**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/25/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול גיבט איבער די לעצטע נייעס איבער די סטעיט'ס אפרופונג צו היסטארישער ווינטער שטורעם באטרעפנדיג מערערע ראיאנען אריבער די סטעיט**

***עמערדזשענסי צושטאנד בלייבט אין קראפט אין די גאנצע סטעיט אזוי ווי היסטארישער ווינטער שטורעם זעצט פאר צו שווער באטרעפן מערב ניו יארק און די נארט קאנטרי***

***נאך 200 נעשענעל גאַרד סאלדאטן ווערן ארויסגעשיקט קיין מערב ניו יארק מאנטאג צו העלפן ניו יארק'ס עמערדזשענסי אפרופונג***

***סטעיט אגענטורן האבן צוגעלייגט מאנשאפט מיטגלידער און עקוויפמענט צו מערב ניו יארק און זעצן פאר צו ארבעטן אויפן שטח מיט לאקאלע פובליק זיכערהייט שותפות'דיגע אגענטורן, אריינרעכענענדיג צוזאמשטעלן מיסיע מאנשאפטן מיט סטעיט פאליציי, DHSES, DEC, DOT און נעשענעל גאַרד צו ארויסהעלפן מיט באמיאונגען צוריקצוברענגען עלעקטריציטעט אין באפעלאו סיטי***

***NYS טרו-וועי (I-90) בלייבט פארמאכט פאר אלע טראפיק צווישן עקזיט 46 (ראטשעסטער, I-390) און די פענסילווייניע גרעניץ; רייזע פארבאטן אין קראפט אין גאנצע קאונטיס אין מערב ניו יארק און דזשעפערסאן קאונטי וועלכע זענען די שווערסטע באטראפן געווארן דורכן שטורעם***

***מערערע סטעיט הייוועיס און אינטערסטעיטס אין ערי קאונטי בלייבן אפגעשפארט צוליב ראוד אומשטענדן; עטליכע קאונטיס אין מערב ניו יארק, פינגער לעיקס און נארט קאנטרי ראיאנען אונטער דעקלערטע עמערדזשענסי צושטאנד מיט לאקאלע רייזע פארבאטן***

***בערך 25,000 עלעקטריציטעט קורצשלוסן בלייבן ארום די סטעיט, מערהייט פון קורצשלוסן אין ערי קאונטי***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט איבערגעגעבן די לעצטע נייעס איבער די אנגייענדע אפרופונג צו דעם היסטארישן ווינטער שטורעם וואס האט אנגעברענגט א זאווערוכע דורכאויס דעם פארגאנגענעם סוף וואך צו פילע ערטער אין מערב ניו יארק, די פינגער לעיקס און די נאָרט קאנטרי ראיאנען. דאנערשטאג, שטייענדיג בעפארן שטורעם, האט גאווערנער האקול דעקלערט אן עמערדזשענסי צושטאנד אין די גאנצע סטעיט, און זי האט ארויסגעשיקט די ניו יארק נעשענעל גאַרד <u>פרייטאג צונאכטס</u> צו העלפן מיט שטורעם אפרופונג און מיט זוכעריי און רעטונג מיסיעס. די גאווערנער האט צוגעלייגט נאך מיטלען און מאנשאפט מיטגלידער פון מערערע סטעיט אגענטורן וועלכע זענען פארמישט אין די עמערדזשענסי אפרופונג אויף די אוונט פון קראצמאך, און שבת איבערנאכט אריין אין זונטאג האבן די סטעיט פאליציי, די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס (Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES), טראנספארטאציע דעפארטמענט

(Department of Transportation, DOT), דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation, DEC) און די נעשענעל גאַרד געארבעט צוזאמען מיט לאקאלע פובליק זיכערהייט בעאמטע און יוטיליטי פירמע מאנשאפטן צו צוזאמשטעלן ספעציעלע מאנשאפטן זיך צו קאנצעטרירן אויף לעבנסוויכטיגע און זיכערהייט אונטערזוכונגען אין באפעלאו סיטי. דורכאויס קראצמאך האבן די מאנשפאטן פארברענגט די טאג מיטן ארויסהעלפן מיט די באמיאונגען צוריקצוברענגען עלעקטריציטעט מיט שווערע שניי שארער עקוויפמענט.

אזוי ווי די שנייען וועלן פארזעצן צו אנגיין אין מערב ניו יארק און די נארט קאנטרי דורכאויס מאנטאג מיט ווינטן פון 30 ביז 40 מ.פ.ש., מוטיגט גאווערנער האקול ניו יארקער צו פארזעצן צו אויספאלגן לאקאלע רייזע פארבאטן און באגרעניצן די צייט וואס זיי פארברענגען אינדרויסן.

"מיר זענען פאר צו ארבעטן ארום דעם זייגער צוזאמען מיט לאקאלע פירער צו רעאגירן צו דעם היסטארישן שטורעם, און מיר שטייען אין פארבינדונג מיט דעם ווייסן הויז צו פארזיכערן קריטישע פעדעראלע הילף צו העלפן אונזערע קאמיוניטיס זיך ערהוילן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך מוטיג יעדן צו פארזעצן זיך צו קימערן איינער אויפן אנדערן, אוועקשטיין פון די ראודס און אונטערנעמען באווארענונג שריט צו בלייבן זיכער אין אייער היים."

די נארט קאנטרי, פינגער לעיקס און צענטראל ניו יארק ראיאנען האבן אלע געהאט גאר שטארקע ווינטן מיט שנעלקייטן פון איבער 60 מ.פ.ש. דורכאויס די אוונט. אין מערב ניו יארק זענען ווינטן אנגעקומען צו 79 מ.פ.ש. נעבן די באפעלאו סקייוועי. געגנטער נעבן לעיק ערי אין מערב ניו יארק וועלן מעגליך באקומען נאך א פיס און א האלב פון שניי, און געגנטער נעבן לעיק אָנטאַריאָ אין די נאָרט קאנטרי וועלן מעגליך באקומען נאך 3 פיס פון שניי ביז דינסטאג נאכמיטאג.

'לעיק עפעקט' שניי ווארענונגען און ווינטער שטורעם ווארענונגען בלייבן אין קראפט אין קאונטיס ארום די מערב ניו יארק און נארט קאנטרי ראיאנען. פאר א פולע ליסטע פון וועטער וואַטשעס, ווארענונגען און אדווייזאריס איבער ניו יארק, באזוכט די נאציאנאלע וועטער סערוויס (National Weather Service ) וועבסייט.

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמישאנער, דזשעקי ברעי, האט געזאגט,** "בלייבט אינדערהיים און פאלגט אויס לאקאלע רייזע פארבאטן וועלכע זענען אין קראפט. דאס איז פאר אייער אייגענע זיכערהייט, און אזוי אויך צו פארגרינגערן די ארבעט פאר יוטיליטי מאנשאפטן, שארער טראקס און עמערדזשענסי מאנשאפטן. אונזערע סטעיט אגענטור מאנשאפטן האבן געארבעט האנט ביי האנט איינער מיטן אנדערן און מיט אונזערע לאקאלע שותפים צו העלפן ניו יארקער אריבערצוגיין דעם היסטארישן שטורעם."

**אגענטור אפעראציעס**

**דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס**
די סטעיט'ס עמערדזשענסי אפעראציעס צענטער און די פייער אפעראציעס צענטער בלייבן מיט איינגעשטעלטע און ארבעטן אקטיוו צו ענטפערן פארלאנגען פאר הילף פון לאקאלע רעגירונגען.

די אפיס פון עמערדזשענסי פארוואלטונג (Office of Emergency Management) און די אפיס פון פייער פארמיידונג און קאנטראל (Office of Fire Prevention and Control) האבן ארויסגעשיקט מאנשאפטן און עקוויפמענט (UTV's) צו דורכפירן לעבן און זיכערהייט אונטערזוכונגען אויף מענטשן אין מערב ניו יארק צוזאמען מיט מיטלען צו שטיצן ווארעמקייט שעלטערס, אריינרעכענענדיג מער פון 4,600 MRE's פאר שעלטערס אין ערי קאונטי און די מערב ניו יארק ראיאן און מער פון 1,700

MRE'o, 4,800 קענס פון וואסער, 1,100 דאכענעס און קישענעס פאר שעלטערס אין דזשענעסי קאונטי.

די DHSES איז גרייט צו ענטפערן נאך פארלאנגען פאר הילף פון לאקאלע רעגירונגען אריבער די סטעיט, און זי שיקט ארויס מיטלען פון די סטעיט'ס זאפאסן.

**דיוויזיע פון מיליטער און נעיווי פלאטע אנגעלעגנהייטן**

די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון מיליטער און נעיווי פלאטע אנגעלעגנהייטן ( Division of Military and Naval Affairs) שטעלן צו נאך 200 סאלדאטן פון די ניו יארק סטעיט נעשענעל גאַרד צו מערב ניו יארק צו ארויסהעלפן ניו יארק'ס עמערדזשענסי אפרופונג.

**דעפארטמענט פון פובליק סערוויס**

ניו יארק'ס יוטיליטיס האבן אומגעפער 8,000 ארבעטער גרייט אויסצופירן שאדן אפשאצונגען, דראטן אפהיטונג, אפרוף, פארריכטונג און צוריקשטעלונג ארבעט.

טראץ די געפארפולע אומשטענדן האט די נעשענעל גריד געקענט צוריקברענגען זיכערהייט עלעקטריציטעט פאר מער פון 143,000 קליענטן וועלכע זענען אפעקטירט געווארן דורך דעם ווינטער שטורעם. מער פון 175,000 זענען אפעקטירט געווארן דורך די שווערע ווינטער וועטער.

די נעשענעל גריד האט 3,092 דראטן, בוימער און סערוויס מאנשאפט מיטגלידער וועלכע ארבעטן צו פאררעכטן און צוריקברענגען די גאנצע סיסטעם.

NYSEG/RG&E האבן געקענט צוריקברענגען עלעקטריציטעט פאר מער פון 213,000 קליענטן וועלכע זענען אפעקטירט געווארן דורך דעם ווינטער שטורעם איבערן סטעיט. מער פון 217,000 זענען אפעקטירט געווארן דורך די וועטער.
NYSEG/RG&E האבן 2,261 דראטן, בוימער און סערוויס מאנשאפט מיטגלידער וועלכע נעמען אנטייל אין באמיאונגען צו פאררעכטן און צוריקברענגען זייער גאנצע סיסטעם.

**טראנספארטאציע דעפארטמענט**

די סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט רופט זיך אפ מיט 3,450 סופערווייזערס און טראק דרייווערס וועלכע שטייען גרייט איבערן סטעיט.

די דעפארטמענט האט נאך מער געהאלפן מיט שניי שארן און אייז צולאזן אפעראציעס אין מערב ניו יארק, די ניו יארק און פינגער לעיקס מיט דרויסנדיגע מיטלען דורכאויס דעם שטורעם אין צוויי באזונדערע כוואליעס.

דורכאויס די ערשטע כוואליע פון ארויסגעשיקטע מיטלען צו ארויסהעלפן די אפרופונג אקטיוויטעטן אין קריטישע ערטער, זענען א סך הכל פון 71 מאנשאפט מיטגלידער, אריינרעכענענדיג 65 שארער טראַק דרייווערס, 4 סופערווייזארס, 1 אסיסטענט מענעדזשער, 1 ICS שטיצע ספעציאליסט, 13 שארער טראַקס, 2 שניי בלאזערס און 1 'גרעידער' טראקטאר פארטיילט געווארן ווי פאלגנד:

*מערב NY:*

- האט באקומען 3 שארער טראקס פון צענטראל NY
- האט באקומען 2 שארער טראַקס, 2 שניי בלאזערס און 1 גרעידער טראקטאר פון די פינגער לעיקס

- האט באקומען 4 דרייווערס און 2 שארער טראקס פון די סאוטערן טיער
- האט באקומען 26 דרייווערס, 2 סופערווייזארס און 1 אסיסטענט מענעדזשער פון די מיד-האדסאן
- האט באקומען 10 דרייווערס, 1 סופערווייזאר און 3 שארער טראקס פון די סאוטערן טיער
- האט באקומען 19 דרייווערס און 1 סופערווייזאר פון לאנג איילענד
- האט באקומען 1 ICS ספעציאליסט פון די הויפטשטאט דיסטריקט

*נארט קאנטרי:*

- האט באקומען 2 דרייווערס און 1 שארער טראק פון די הויפטשטאט דיסטריקט
- האט באקומען 2 דרייווערס און 1 שארער טראק פון די מאוהאק וואלי
- האט באקומען 2 דרייווערס און 1 שארער טראק פון צענטראל NY

דורכאויס די צווייטע כוואליע פון ארויסגעשיקטע מיטלען זענען א סך הכל פון 18 מאנשאפט מיטגלידער, אריינרעכענענדיג 12 שארער טראָק דרייווערס און 6 מעכאניקער, 3 שניי בלאזערס, 4 'לאָודערס', 1 בולדאָוזער טראקטאר און 1 'גרעידער' טראקטאר פארטיילט געווארן ווי פאלגנד:

*פינגער לעיקס:*

- האט באקומען 2 דרייווערס און 1 שניי בלאזער פון די הויפטשטאט דיסטריקט
- האט באקומען 2 דרייווערס און 1 לאָודער פון די מאוהאק וואלי
- האט באקומען 4 דרייווערס, 1 שניי בלאזער און 1 לאָודער פון צענטראל NY
- האט באקומען 4 דרייווערס און 2 לאָודערס פון די סאוטערן טיער

*מערב NY:*

- האט באקומען 1 דאָוזער פון די הויפטשטאט דיסטריקט
- האט באקומען 1 מעכאניקער און 1 שניי בלאזער פון די סאוטערן טיער
- האט באקומען 2 מעכאניקער פון די מיד-האדסאן
- האט באקומען 1 מעכאניקער און 1 'גרעידער' פון די סאוטערן טיער
- האט באקומען 2 מעכאניקער פון לאנג איילענד

עמערדזשענסי קאנטראקטירטע פירמעס מיטלען: 4 לאָודערס פאר רעטונג און זוכעריי מיסיעס אין מערב ניו יארק

אלע אוועילעבעל אפרופונג עקוויפמענט ווערט ארויסגעשיקט. פלאט מעכאניקער אין אפעקטירטע ערטער וועלן זיצן ביי אלע הויפט וואוינונג לאקאציעס אויסצופירן 24/7 צו דורכפירן פאררעכטונגען און זיי וועלן האלטן טראָקס אויפן ראוד.

די צאלן פון עקוויפמענט אין די סטעיט זענען ווי פאלגנד:

- 1583 גרויסע שארער טראקס
- 338 גרויסע לאודערס
- 157 מיטעלמעסיגע טראקס מיט שאוולעך
- 37 גרויסע שניי בלאזערס
- 52 שלעפער שארערס
- 20 גרעידערס
- 29 עקסקעוועיטערס אויף טרעקס

- 44 עקסקעוועיטערס אויף רעדער
- 49 לאודער גרעפעל צוגעלייגטע שטיקלעך
- 32 טראפיק סיגנאל טראקס
- 13 בוים-קרו באקעט טראקס

**טרו-וועי אויטאריטעט**
טרו-וועי אוטאריטעט פאררעכטונג פאסיליטעטן שטייען גרייט מיט'ן גאנצן שטאב ארום די זייגער און רעאגירט צום שטורעם מיט 678 טראק דרייווערס און אויפזעער איבער'ן סטעיט. טרו-וועי האט אריבערגעפירט און ארויסגעשטעלט נאך שטאב מיטגלידער און געצייג פון איר ניו יארק און אלבאני אפטיילונגען אויף צו שטיצן שניי און אייז אפעראציעס אין מערב ניו יארק. ארויסגעשיקטע הילפס-מיטלען רעכענען אריין גרויסע שארער-טראקס און דרייווערס. נאך הילפס-מיטלען שטייען גרייט זיך צו ארומרוקן ווי נויטיג.

**אלע קארן און טראקס** זענען פארבאטן פון פארן אויף די ניו יארק סטעיט טרו-וועי (I-90) פון עקזיט 46 (ראטשעסטער I-390) ביז די פענסילוועניע גרעניץ און אויף די ניאגארא טרו-וועי (I-190) פון I-90 ביז עקזיט 22 (רוט 62) ביז א ווייטערדיגע מעלדונג.

טרו-וועי געצייג נומערן און הילפס-מיטלען איבער די סטעיט רעכנט אריין:

- 364 גרויסע און מיטלע שארער טראקס
- 10 טאָו שארערס
- 66 גרויסע טראקס
- מער פון 123,000 טאן פון זאלץ גרייט

שילדן מיט אנזאג-ענדערונג פעאיגקייטן און סאושעל מידיע ווערן געניצט אויף צו ווארענען דרייווער איבער וועטער אומשטענדן אויף דער טרו-וועי. פאַלאָוט די טרו-וועי אויטאריטעט אויף Twitter: [@NYSThruway](#) און [@ThruwayTraffic](#) און אויף Facebook: [NYS Thruway Authority](#).

די טרו-וועי אוטאריטעט מוטיגט קאר דרייווערס צו דאַונלאודען איר [טעלעפאן עפּ](#) וואס איז דא צוב אקומען אומזיסט אויף iPhone און Android כלים. דער עפ שטעלט צו פאר מאטאריסטן דירעקטע עכט-צייטיגע טראפיק אינפארמאציע, לעבעדיגע טראפיק קאמערעס און נאוויגאציע הילף בשעת'ן זיין אויפ'ן וועג. דרייווערס קענען זיך אויך איינשרייבן פאר [TRANSalert](#) אימעילס וועלכע גיבן איבער די לעצטע טראפיק אומשטענדן לענגאויס די טרו-וועי.

**ניו יארק סטעיט פאליציי**
די סטעיט פאליציי האט ארויסגעשיקט נאך מאנשאפט מיטגלידער און מיטלען אריבער מערב ניו יארק און דזשעפערסאן קאונטי צו ארויסהעלפן מיט שטורעם-פארבינדענע אנגעלעגנהייטן. די סטעיט פאליציי ארבעט אין צוויי ספעציעלע מאנשאפטן אין באפעלאו סיטי אין צוזאמענארבעט מיט די ענוויירואמענטאלע אפהיטונג פאליציי, וואלד רעינדזשערס, סטעיט פייער און די NYS טראנספארטאציע דעפארטמענט צו ארויסהעלפן נעשענעל גריד מיט צוטריט צו זייערע סאָבסטאנציעס און עקוויפמענט אראפ פון סטעיט רוּט 33 אזוי ווי זיי ארבעטן צוריקצוברענגען עלעקטריציטעט. טרופערס האבן זיך אפגערופן צו מער פון 750 עקסידענטן און צו כמעט 1,300 צובראכענע קארן זינט די אנהויב פון די שטורעם.

**<u>זיכערהייט טיפס</u>**

**ווינטער רייזע זיכערהייט**
די פירנדע גורם פון טויטפאל און פארוואונדעט ווערן דורכאויס ווינטער שטורעמעס איז טראנספארטאציע צוזאמשטויסונגען. איידער איר פאנגט אן דרייוון, חזר'ט איבער די זיכערהייט עצות:

- ווען עס טרעפן זיך ווינטער שטורעמעס, דרייוו׳ט נישט אויב עס איז נישט וויכטיג.
- מאכט זיכער אז אייער קאר איז קלאר פון אייז און שניי; צו זען גוט איז די שליסל צו גוטע דרייוון.
- איר זאלט אייביג צוגלייכן אייער שנעלקייט צו די וועגן און וועטער אומשטענדן. פלאנירט אייער אפשטעלונגען און האלט אן א גרעסערע ווייטקייט צווישן קארן.
- זייט ספעציעל וואכזאם און געדענקט אז שניי זאמלונגען קענען באהאלטן קלענערע קינדער.
- מאכט זיכער אז איר האלט אין אייער קאר איבערלעבן געצייג ווי דעקעס, א שאוול, פלעשלייט און עקסטערע באטעריעס, איבעריגעווארעמע קליידונג, סעט פון רעדל קייטן, באטערי בוסטער קעיבלס, עסן וואס געבן שנעל כח און ליכטיגע קאלירטע שמאטע צו נוצן אלץ א הילף פאן.
- אויב איר האט א סעלפאן אדער אנדערע קאמיוניקאציע מיטל ווי א טו-וועי ראדיאו אוועילעבל, דאן האלט די באטעריעס גע'טשארדזש'ט און האלט עס מיט אייך ווען איר פארט.

**דייער קאלטע טעמפעראטורן**

- זייט וואכזאם וועגן ווינט טשיל - ווינט אינאיינעם מיט דעם אקטועלן טעמפעראטור - וואס קען שאפן א פארמערונג פון היץ פארלוסט צו די מענטשליכע קערפער.
- טוט זיך אן פאסנד און פארמיידט צו בלייבן צו לאנג אין די קעלט.
- טראגט א הוט און הענטשיך ווען פאסיג מיט שיכטן פון קליידונג. פארמיידט אומנויטיגע אויסשטעלונג צו די קעלט פון סיי וועלכע חלק פונעם קערפער.
- טרונקט גענוג ווארעמע געטראנקן אדער ווארעם וואסער אבער פארמיידט קאפין און אלקאהאל. בלייבט אקטיוו צו אנהאלטן קערפער היץ.
- נעמט אפטע אפשטעלונגען פון די קעלט.
- אויב איר האט סיגנאלן פון הייפאטערמיע אדער פראסטביס, גייט אוועק פונעם קעלט, ווארעמט צוביסלעך אן דעם מענטש און זוכט מעדעצינישע הילף:

- פראסטביס: סימפטאמן רעכנט אריין פארלוסט פון שפירן, א ווייסע אדער העלע אויסזען אין פינגערס, פיס פינגער, אויערן, און נאז.
- הייפאטערמיע: סימפטאמן רעכנט אריין אומקאנטראלירבארע ציטערניש, רעדן שטייט, פארלוסט פון זיכרון, אראפפאלן אפט און זיין שלעפעריג.

**ווערן אויסגעמוטשעט**
ווערן אויסגעמוטשעט, אזוי ווי שארן שניי, אוועקנעמען מיסט אדער שטופן א קאר, פארמערט די ריזיקע פון א הארץ אטאקע. פאלגט אויס די עצות צו בלייבן זיכער נאך דעם שטורעם:

- בלייבט ווארעם, טוט זיך אן ווארעם און פארט שטייטער ווען איר ארבעט אינדרויסן.
- נעמט אפטע הפסקות זיך צו פארמיידן פון ווערן צו אויסגעמוטשעט

- אויב איר פילט ווייטאג אין די ברוסטקאסטן, א קורצע אטעם אדער ווייטאג אין די באק וואס ציהט זיך אראפ אייער ארעם, שטעלט זיך באלד אפ און ווענדט זיך באלד פאר הילף.

**קורצשלוסן**
ווינטער שטורעמס קענען פאראורזאכן קורצשלוסן. חזר'ט איבער די זיכערהייט עצות איידער די לעקטער גייט אויס כדי איר זאלט וויסן וואס צו טון אין אן עמערדזשענסי:

- רופט אייער יוטיליטי פראוויידער זיי צו מעלדן וועגן דעם קורצשלוס.
- פארמיידט אלע אראפגעפאלנע פאוער ליניעס און באריכט זיי צו אייער יוטיליטי פראוויידער פאר פארערכטונג; באטראכט אלע אראפגעפאלנע ליניעס צו האבן לעבעדיגע עלעקטריציטעט.
- נוצט נאר פלעשלייטס פאר עמערדזשענסי באלייכטונג - ליכט קענען איינשטעלן א ריזיקע פון פייער.
- האלט אייער פרידזשידער און פריזער טירן פארמאכט צו פארמיידן עסן פון זיך פארשימלען. ווען איר האט א ספק,ווארפט עס אוועק!
- נוצט נישט א טשארקאויל גריל אדער גענעראטאר אינעווייניג און נוצט נישט א גאז אויוון פאר הייצונג- וויבאלד זיי געבן ארויס שעדליכע מאסן פון קארבאן מאנאקסייד.
- שפארט אפ הויפט אפלייענסעס צו פארמיידן שאדן פון א מעגליכע סורזש ווען די עלעקריציטעט קומט צוריק-האלט איין לעקטער אנגעצונדען כדי איר זאלט וויסן ווען די עלעקטריציטעט קומט צוריק.

**היים הייצונג**
הייצונג געצייג איז איינע פון די הויפט אורזאכן פון היים פייער טויטפאלן. האלט אייער באליבטע זיכער דורך אויספאלגן די וויכטיגע שריט:

- האלט אלע ברענבארע ארטיקלען כאטש דריי פיס אוועק פון הייצונג געצייג.
- טוט אייביג איינשטעקן אפלייענסעס ארייגערעכנט היטערס גלייך אריין צו א פלאג. קיינמאל איינשטעקן אפלייענסעס אין א פאוער סטריפ אדער עקסטענשאן קארד.
- מאכט זיכער אז איר האט רויך אלארמס וואס ארבעטן אין יעדע שלאף צימער, אינדרויסן פון יעדע שלאף ארט, און אויף יעדע שטאק פון אייער הויז.

פאר אלע נישט-עמערדזשענסי סערוויס געברויכן איידער, דורכאויס אדער נאך א שטורעם, רופט 211 אדער באזוכט nys.org211.

פאר מער זיכערהייט עצות, באזוכט דער ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס זיכערהייט עצות וועבזייטל אויף www.dhses.ny.gov/safety.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418